בס"ד
כי תבא תשפ"ב
גליון 110

# דעם רבינ'ס ליכט



## דער ריינער קוואל

**אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

**א גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין בַּיי שַׁבָּת סְלִיחוֹת, וֶוען עֶס הֵייבְּן זִיךְ אָן דִי הֵיילִיגֶע לֶעכְטִיגֶע טֶעג, וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן יָמִים נוֹרָאִים. פוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת בִּיז יוֹם כִּפּוּר וֶועלְן מִיר יֶעדְן טָאג זָאגְן סְלִיחוֹת, יֶעדֶעס קִינְד לוֹיט זַיין עֶלְטֶער אוּן צוּשְׁטַאנְד.

וָואס מֵיינְט סְלִיחוֹת? דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן פֶערְצִיג טֶעג פוּן סְלִיחָה מְחִילָה, וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶע'פּוֹעֶל'ט בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן, א פַארְצֵייאוּנְג אוֹיף דִי זִינְד וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעטוֹן אִין מִדְבָּר.




אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת עֶפְנְט זַיינֶע הֶענְט פוּן דָאסְנֵיי אוּן נֶעמְט אָן אוּנְזֶער תְּשׁוּבָה פוּן סַיי וֶועמֶען, נִישְׁט קַיין חִילּוּק אִין וָואסְפַאֲרַא מַצָּב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְגַלֶּה פוּן וואו עֶס נֶעמְט זִיךְ אַז אַ אִיד זָאל לֵיידֶער עוֹבֵר זַיין אוֹיף אַן עֲבֵירָה. אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (אוֹת פ"ט) זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז לוֹיט דִי קְדוּשָּׁה וָואס אַ אִיד פַארְמָאגְט, קוּמְט נִישְׁט עֶר זָאל טוּן עֲבֵירוֹת, נָאר פוּן דִי צָרוֹת וָואס דִי אִידְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אִין גָלוּת, וואו מֶען לֵיידְט פוּן דִי גוֹיִם דוּרְכְדֶעם קוּמְט מֶען חַס וְשָׁלוֹם צוּ טוּן עֲבֵירוֹת.

קוּמְט אוֹיס אַז דִי עֲבֵירוֹת קוּמְט פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, וֶועלְכֶע וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אֱדוֹם, עֶר רוּפְט זִיךְ "רִאשׁוֹן", אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין פָּסוּק וֶוען עֵשָׂו אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, 'וַיֵּצֵא הָרִאשׁוֹן אַדְמוֹנִי', עֵשָׂו אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן פוּן אִים וֶוערְט נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט, 'עֲבֵירָה גוֹרֶרֶת עֲבֵירָה'. אוּן אַזוֹי וֶוערְט לֵיידֶער פֶּעק פוּן עֲבֵירוֹת.

וָואס אִיז דֶער תִּיקּוּן דֶערְפַאר? לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אַז דָאס אִיז דוּרְךְ לֶערְנֶען אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי דְרַייצְן מִדּוֹת שֶׁל רַחֲמִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז מְקַיֵּים דִי אַלֶע דְרַייצְן מִדּוֹת הָרַחֲמִים, רַחוּם וְחַנּוּן, אֶרֶךְ אַפַּיִם א.א.וו. דָאס מֵיינְט אַז מֶען זָאל הָאבְּן רַחֲמָנוּת אוּן פַארְמֶערְן צוּ טוּן חֶסֶד, מִיט דֶעם אִיז עֶר מְעוֹרֵר רַחֲמָנוּת אִין הִימְל, אַזוֹי פַאלְן אַרָאפּ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מְקַטְרְגִים אוּן זַיי וֶוערְן אוּנְטֶערְדְרִיקְט.

אִין דִי טֶעג זָאגְן מִיר אָן אַ שִׁיעוּר מָאל דֶעם "קֵל מֶלֶךְ יוֹשֵׁב עַל כִּסֵּא רַחֲמִים, מַעֲבִיר 'רִאשׁוֹן רִאשׁוֹן'," וֶוען מִיר זֶענֶען מְקַיֵּים דָא אוּנְטְן דִי דְרַייצְן מִדּוֹת הָרַחֲמִים, אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל דִי עֲווֹנוֹת פוּן זַיין פָאלְק, מַעֲבִיר רִאשׁוֹן רִאשׁוֹן, עֶר פִירְט אַרִיבֶּער [עֶר נֶעמְט אַוֶועק] דִי עֶרְשְׁטֶע עֲבֵירָה פוּן יֶעדֶע פֶּעקְל עֲבֵירוֹת, אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע עֲבֵרוֹת פוּנֶעם פֶּעקְל גֵייעֶן צוּרִיק צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וֶוערְט אַ פַארְצֵייאוּנְג.

המשך אויף זייט 10

# א טענצל פון קראנקן בעט

*הֶמְשֵׁךְ פוּן פָארִיגֶע וָואךְ - ר' חַיִּים בִּנְיָמִין בְּרָאד ז"ל*

מַיין טַאטֶע אִיז גְעוֶוען אַ פְרֵיילִיכֶער אִידְל. אֵיינְמָאל אִיז עֶר גְעוֶוען זֵייעֶר קְרַאנְק. עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט שְׁטֶערְבְּלִיךְ קְרַאנְק, קוֹים וָואס עֶר הָאט גֶע'אָטֶעמְט, אָבֶּער וֶוען זַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען אִים גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן, אִיז עֶר וִוי פוּן זִיךְ אַלֵיין אַרָאפְּגֶעשְׁפְּרִינְגֶען פוּן בֶּעט אוּן שׁוֹין אִיז עֶר מִיט דִי חֲבֵרִים אַרוּיס גֶעגַאנְגֶען אַ טֶענְצְל.

דִי אוּמְשְׁטֶענְדְן אִין שְׁטוּב אִיז נִישְׁט גְעוֶוען גְרִינְג; דָאס אָרֶעמְקַייט הָאט זִיךְ אָנְגֶעזֶען אוֹיף יֶעדֶעם ווִינְקְל. אוּן צוּ דֶעם הָאט מֶען כְּסֵדֶר גֶעהַאט דִי שְׁרֶעקְן פוּן דִי שְׁטָאטִישֶׁע אִינְסְטַאנְצְן. צוּ קֶענֶען גֶעבְּן אַ רֵיינֶע חִנוּךְ פַאר דִי קִינְדֶער אִיז בִּכְלָל נִישְׁט גְעוֶוען אַזוֹי גְלַאטִיג. מַיין טַאטֶע וָואלְט גֶעהַאט אַלֶע רֶעכְטְן זִיךְ צוּ טוּנְקְן אִין טְרוֹיעֶר, אָבֶּער נֵיין! עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גְעוֶוען פְרֵיילִיךְ אוּן גוּט אוֹיפְגֶעלֵייגְט. דִי מַאמֶע הָאט אִים אַמָאל גֶעפְרֶעגְט: "וִויאַזוֹי בִּיסְטוּ שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, טְרָאץ אוּנְזֶערֶע שְׁוֶוערֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער?"

דֶער טַאטֶע עֶנְטְפֶערְט אִיר מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "דוּ ווֵייסְט גַאנְץ גוּט אַז אִיךְ בִּין אַ שְׁוַואכֶער מֶענְטְשׁ. צוּ טְרָאגְן אֲפִילוּ נָאר אַ צֶענְטְל פוּן מַיינֶע דַאֲגוֹת דַארְף מֶען טְרֶעפְן אַן אָנְגֶעפְּרָאסֶעטֶעם גוֹי אוּן אִים אָנְלָאדֶענֶען מִיט דִי דַאֲגוֹת... אָבֶּער אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד!

מַיין טַאטֶע הָאט זִיךְ זֵייעֶר אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט מַיין חִנוּךְ. בִּיז מַיין בַּר מִצְוָה בִּין אִיךְ גְעוֶוען אַ בֵּן יָחִיד (מַיין בְּרוּדֶער, ר' יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן נָאךְ מַיין בַּר מִצְוָה). דֶער טַאטֶע הָאט מִיר גֶעשְׁאנְקְן גָאר אַסַאךְ פוּן זַיין טַייעֶרֶע צַייט. עֶר פְלֶעגְט מִיר דֶערְצֵיילְן ווֶעגְן דִי שְׁטָאט מֶעזִיבּוּשׁ, סִפּוּרִים אוֹיפְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, דֶער אַפְּטֶער רָב, רֶבִּי בָּרוּךְ'ל פוּן מֶעזִיבּוּשׁ, דֶער דֶגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם אוּן נָאךְ חָשׁוּבֶ'ע אִידְן ווֶעלְכֶע הָאבְּן דָא גְעוואוֹינְט אוּן אוֹיפְגֶעטוּן פַאר אִידִישְׁקַייט.

לֶעבְּנְדִיג אִין דִי יָארְן ווֶען דִי קָאמֶענִיסְטְן הָאבְּן לֵיידֶער גֶעהַאט דָאס אוֹיבֶּערְהַאנְט אוּן הָאבְּן גֶע'רוֹדְפְ'ט עֶרְלִיכֶע אִידְן ווֶעלְכֶע הָאבְּן גֶעהִיטְן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת - לֵיידֶער, זֶענֶען דִי רוֹדְפִים גְעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער רַחֲמָנָא לִצְלַן - הָאט מַיין טַאטֶע, מִיט הַארְצִיגֶע רֵייד, מִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דָאס שְׁטַארְקַייט וָואס אַ אִיד דַארְף הָאבְּן; דָאס מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַאר תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, שַׁבָּת אוּן כַּשְׁרוּת, פַאר אִידִישֶׁע חִנוּךְ דַארְף מֶען זַיין גְרֵייט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין. זַיינֶע רֵייד הָאבְּן טַאקֶע אַרַיינְגֶעדְרִינְגֶען אִין טִיפֶענִישׁ פוּן מַיין הַארְץ.




## עֶר גֵייט, עֶר גֵייט...

"מַיין בְּרוּדֶער, יְחֶזְקֵאל אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן מִיט גֶעלֶעמְטֶע פִיס. בַּיי דִי דְרַיי יָאר אַלְט, הָאט עֶר נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אַ טְרִיט אַלֵיין. מַיין מַאמֶע הָאט גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיוו צוּם טַאטְן, ווֶעלְכֶער הָאט גֶעוַויילְט אִין אוּמַאן אִין דֶער צַייט, בֶּעטְנְדִיג עֶר זָאל פּוֹעֶלְ'ן בַּיים רֶבִּי'ן אַ רְפוּאָה פַארְן קִינְד.

המשך אויף זייט 9



# ביי מיר האט קיינער נישט דערלייגט!

ערב ראש השנה תשפ״א. די אנגצויגנקייט איז אויפן העכסטן גראד. מען ווייסט נישט ווי עס וועט זיך אויסלאזן מיט די גאנצע פארעריי. דער גרעניץ גייט זיך יא פארמאכן? נישט פארמאכן? ווער קען וויסן? ביי מיר אין שטוב איז מען נאך געווען מער אנגעצויגן האלטנדיג עטליכע טעג פאר׳ן חתונה מאכן. רוקן דער דאטום פריער? ארויסטראגן די חתונה קיין אומאן?... וואס איז ריכטיג צו טון? פון געלט רעדט מען שוין נישט. דער קאפ איז פארנומען מיט וויכטיגערע דאגות.

און... בום! דער גרעניץ האט זיך פארמאכט! די חסידים וואס האבן אריינגעכאפט צו פארן פרי האבן זוכה געווען צו זיין ביים קיבוץ פון דער נאנט, אבער וואס וועט זיין מיט די אנדערע טויזענטער וואס לעכצן און בענקן אנצוקומען קיין אומאן.

די חתונה איז אריבער בשלום און יעצט טראכט מען אלע מיני וועגן וואו מען קען אנקומען. בעלערוס, ענגלאנד, טערקיי ווער ווייסט וואו? אינצווישן דער געפילדער האב איך געהערט אז פאר א גרויסע סכום געלט קען מען זיך אריינכאפן. זיכער וויל איך עס טון אבער פון וואו נעמט מען דעם סכום? סתם א טאג וואלט איך אויך נישט געהאט דאס געלט אבער נאכן חתונה מאכן איז מען דאך אויסגעזעקלט. האט דער אויבערשטער געהאלפן אז א געוויסע גרויסע סכום וואס איך האב שוין לאנג געווארט אויף דעם און געמיינט אז עס וועט אנקומען צו חתונה מאכן, האט זיך פארשלעפט. אין דעם מינוט וואס איך האב געדארפט פארן קיין אומאן איז דאס געלט אריין אין מיין באנק קאנטע. אויב עס וואלט אריינגעקומען נאר עטליכע טעג פריער וואלט פון דעם קיין זכר נישט געבליבן... יעצט אז ס׳איז אנגעקומען ערב ראש השנה האב איך געזען פון דעם א סימן אז דאס האט דער אויבערשטער געשיקט פאר דעם צוועק צו פארן צום רבי׳נס ראש השנה.

איי, עס איז דא נאך שטוב הוצאות? ווען א מענטש שיקט דיר א חתונה איינלאדענונג בייגעלייגט מיט דער סכום פון שפעזן צו קומען צו פארן צו זיין שמחה קענסטו זאגן אז דו וועסט ענדערש נישט פארן און נעמען דאס

המשך אויף זייט 8

# דִי נַייַנְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס
# דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט
# דֶער חכם און דער תם 3




**און דִי צְוֵויי קִינְדֶער.** פְּלֶעגְט דִי וֶועלְט רוּפִין **חָכָם** און **תָּם**. דֶעם הָאבִּין זֵיי גִירוּפְן **חָכָם**, און דֶעם הָאבִּין זֵיי גִירוּפְן **תָּם**. כָאטְשֶׁע סֶע אִיז פַאר הַאנְדְן אַסַאךְ חֲכָמִים און תַּמִים אוֹיף דֶער וֶועלְט. דָא הָאט זִיךְ עֶס אָבֶּער זֵייעֶר אָן גִיזֶעהְן, וָוארִין זֵיי זֶענֶען בֵּיידֶע גִיוֶוען פוּן אֵיין שְׁטָאט. און הָאבִּין אִין אֵיין חֵדֶר גִילֶערְינְט און דֶער אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ ווּילְדֶער חָכָם. **און דֶער אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער תָּם** (אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען זֵיי דִי צוּ נֶעמֶען גִיגֶיבְּן דֶעם חָכָם און דֶעם תָּם)

**און** אִין דֶער סְקַאסְקֶע פַאר שְׁרַייבְּט מֶען זִיךְ אִיטְלִיכְן מִיט אַלֶע נֶעמֶען פוּן זַיין פַאמֶעלְיָא. הָאט מֶען אָנְגִישְׁרִיבְּן אוֹיף דֶעם. דֶעם צוּ נָאמֶען. **חָכָם**. און אוֹיף דֶעם. **תָּם**.

**אַמָאל אִיז דֶער מֶלֶךְ** גִיקוּמֶען אִיבֶּער דֶער סְקַאסְקֶע. הָאט עֶר גִיפוּנֶען דִי צְוֵויי. ווִי זֵיי זֶענֶען פַארְשְׁרִיבְּן דֶער מִיט דֶעם צוּ נָעמֶען **חָכָם**. און דֶער מִיט דֶעם צוּ נָאמֶען **תָּם**. אִיז דָאס בַּאם מֶלֶךְ גִיוֶוען אַ ווּאוּנְדֶער. וָואס דִי צְוֵויי הָאבִּין אַזוֹינֶע צוּ נֶעמֶען **חָכָם** און **תָּם**. הָאט דֶער מֶלֶךְ זֵייעֶר גִיוָואלְט זֵיי זֶעהְן.

**הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ** מְיַישֵׁב גִיוֶוען. אַז אִיךְ וֶועל פְּלוּצִים שִׁיקִין נָאךְ זֵיי. אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען פַאר מִיר. וֶועלִין זֵיי זִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּער שְׁרֶעקִין. און דֶער **חָכָם** וֶועט גָאר נִיט ווִיסִין. וָואס צוּ עֶנְפֶערִין. און דֶער **תָּם** וֶועט אֶפְשֶׁר מְשׁוּגָע וֶוערִין מֵחֲמַת פַּחַד.

**הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב** גִיוֶוען דֶער מֶלֶךְ אַז עֶר זָאל שִׁיקִין אַ **חָכָם** צוּם **חָכָם**. און אַ **תָּם** צוּם **תָּם**. נָאר ווִי קְרִיגְט מֶען אִין אֵיין עִיר מְלוּכָה אַ **תָּם**. וָוארִין אִין אֵיין עִיר מְלוּכָה (דְהַיְינוּ דִי שְׁטָאט וָואס דֶער מֶלֶךְ זִיצְט) זֶענֶען דָאס רוֹב חֲכָמִים.

**נָאר דֶער** וָואס עֶר אִיז **אַ מְמוּנֶה אִבֶּער דִי אוֹצְרוֹת** עֶר אִיז דַוְוקָא אַ **תָּם**. וָוארִין אַ חָכָם ווִיל מֶען נִיט מַאכִין פַאר קֵיין מְמוּנֶה אִיבֶּער דִי אוֹצְרוֹת. וָוארִין טָאמֶער דוּרְךְ זַיין חָכְמָה מִיט זַיין שֵׂכֶל. וֶועט עֶר אוֹיס בְּרֶענְגֶען דִי אוֹצְרוֹת. אִיבֶּער דֶעם מַאכְט מֶען **אַ מְמוּנֶה אִיבֶּער דִי אוֹצְרוֹת אַ תָּם דַוְוקָא.**

**הָאט דֶער מֶלֶךְ** גִירוּפִין אַ **חָכָם** און דֶעם **תָּם** (וָואס עֶר אִיז אַ מְמוּנֶה אִיבֶּער דִי אוֹצְרוֹת) און עֶר הָאט זֵיי גִישִׁיקְט צוּ דִי צְוֵויי (דְהַיְינוּ צוּם חָכָם און צוּם תָּם) און עֶר הָאט זֵיי גִיגֶעבִּין בְּרִיו צוּ אִיטְלִיכְן בַּאזוּנְדֶער. און עֶר הָאט זֵיי נָאךְ בְּרִיו גִיגֶעבִּין צוּם גַאבִּירְנִיר פוּן דֶער גַאבֶּערְנְיָא וָואס דִי צְוֵויי דְהַיְינוּ דֶער **חָכָם** מִיט דֶעם **תָּם** זֶענֶען אוּנְטֶער אִים.

**און דֶער מֶלֶךְ** הָאט גִיהֵייסִין אִין דֶעם בְּרִיו אַז דֶער גַאבִּירְנִיר זָאל זֵיי שִׁיקִן בְּרִיו פוּן זַיינֶעט וֶועגְן צוּם **חָכָם** און צוּם **תָּם** כְּדֵי אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ נִיט שְׁרֶעקִין. און עֶר זָאל זֵיי שְׁרַייבְּן. אַז דִי זַאךְ אִיז נִיט נֵייטִיק. און דֶער מֶלֶךְ אִיז נִיט גוֹזֵר דַוְוקָא אַז זֵיי זָאלִין קוּמֶען. נָאר סֶע אִיז בַּיי זֵיי דִי בְּרֵירָה. אַז זֵיי ווִילִין זָאלִין זֵיי קוּמֶען. **נָאר דֶער מֶלֶךְ ווִיל זֵיי זֶעהְן.**

**זֶענֶען גִיפָארִין** דִי שְׁלוּחִים דֶער **חָכָם** מִיט דֶעם **תָּם**. און זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּם גַאבִּירְנִיר. און הָאבִּין אִים אָפּ גִיגֶעבְּן דִי בְּרִיוו.

**הָאט דֶער גַאבִּירְנִיר** נָאךְ גִיפְרֶעגְט אוֹיף דִי צְוֵויי קִינְדֶער הָאט מֶען אִים גִיזָאגְט. אַז דֶער **חָכָם** אִיז **אַ ווּילְדֶער חָכָם** און אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר. און דֶער **תָּם** אִיז זֵייעֶר **אַ גְרוֹיסֶער תָּם**. און עֶר הָאט אַלִירְלֵיי מַלְבּוּשִׁים פוּן דֶעם פֶּעלְץ כַּנַ"ל.

**הָאט** זִיךְ דֶער גַאבִּירְנִיר מְיַישֵׁב גִיוֶוען. סֶע אִיז בְּוַודַאי נִיט שֵׁיין אַז מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען פַאר דֶעם מֶלֶךְ אִין אַ פֶּעלְץ. הָאט עֶר אִים גִימַאכְט קְלֵיידֶער אַזוֹי ווִי סֶע קֶער צוּ זַיין. און הָאט אַרַיין גִילֵייגְט אִין דֶער קַארִיטֶע פוּן דֶער **תָּם**. און עֶר הָאט זֵיי גִיגֶעבִּין בְּרִיו כַּנַ"ל.

**זֶענֶען דִי שְׁלוּחִים גִיפָארִין.** אוּן זֵיי זֶענֶען צוּ זֵיי גִיקוּמֶען. אוּן הָאבְּן זֵיי אָפּ גִיגֶעבְּן דִי בְּרִיוו. דֶער **חָכָם** הָאט אָפּ גִיגֶעבְּן צוּם **חָכָם**. אוּן דֶער **תַּם** צוּם **תַּם.**

**אוּן דֶער תַּם.** תֵּיכֶּף וִוי מֶען הָאט אִים אָפּ גִיגֶעבִּין דֶעם בְּרִיוו. **הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפְן** צוּ דֶעם שְׁלִיח (וָואס עֶר אִיז אוֹיךְ גִיוֶועןן אַ תַּם. כַּנַ"ל) וָואס עֶר הָאט אִים גִיבְּרַאכְט דֶעם בְּרִיוו. אִיךְ וֵוייס זִיךְ נִיט וָואס אִין דֶעם בְּרִיוו שְׁטֵייט. לֵיין אִים פַאר מִיר. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶּערְט. אִיךְ וֶועל דִיר זָאגִין אוֹיסִין וֵוייניק וָואס אִין אִים שְׁטֵייט. דֶער מֶלֶךְ וִויל אַז דוּ זָאלְסְט צוּ אִים קוּמֶען

הָאט עֶר תֵּיכֶּף גִיפְרֶעגְט. **נָאר אָן לֵיצָנוּת.** הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶּערְט. סֶע אִיז **אַ וַודְאַי אֶמֶת** אָן לִיצָנוּת אִיז עֶר תֵּיכֶּף **מָלֵא שִׂמְחָה גִיוָוארִין** אוּן **אִיז גִילָאפִין** אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם וַוייבּ. מַיין וַוייבּ דֶער מֶלֶךְ הָאט נָאךְ מִיר גִישִׁיקְט.

**הָאט זִי אִים גִיפְרֶעגְט.** וָואס אִיז דָאס. נָאךְ וָואס הָאט עֶר נָאךְ דִיר גִישִׁיקְט. הָאט עֶר גָאר קֵיין צַייט נִיט גֵיהַאט עֶר זָאל אִיר עֶפֶּעס עֶנְפֶערִין. אוּן הָאט זִיךְ תֵּיכֶּף **מְזַרֵז גִיוֶועןן מִיט שִׂמְחָה אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען** אוּן הָאט זִיךְ אַרַיין גִיזֶעצְט אִין דֶער קַארִיטֶע עֶר זָאל פָארִין מִיט דֶעם שְׁלִיחַ.

**דֶערְוַוייל** הָאט עֶר דָארְט דֶערְזֶעהְן דִי קְלֵיידֶער (וָואס דֶער גַבִּירְנִיר הָאט גִימַאכְט פוּן זַיינֶעט וֶועגִין אוּן הָאט אַרַיין גִילֵייגְט אִין זַיין קַארִיטֶע כַּנַ"ל) הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ מֶער גִיפְרֵייט. עֶר הָאט שׁוֹין קְלֵיידֶער אוֹיךְ. **אוּן אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוֶועןן.**

**דֶער** וַוייל הָאט מֶען דֶערְלַאנְגְט צוּם מֶלֶךְ מְסִירוֹת אוֹיף דֶעם גוּבִּירְנִיר. בַּאֲשֶׁר עֶר טוּט פַאלְטְשְׁקֵייט. הָאט דֶער מֶלֶךְ אִים מַעֲבִיר גִיוֶועןן (כְּלוֹמַר אָפּ גִיזֶעצְט) **הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ מְיַישֵׁב גִיוֶועןן.** סֶע אִיז גוּט אַז סֶע זָאל זַיין אַ גוּבִּירְנִיר אַ פְּרָאסְטִי מֶענְטְשׁ דְהַיינוּ אַ תַּם. וָוארִין **אַ תַּם** וֶועט פִירִין דִי מְדִינָה מִיט **אֶמֶת** אוּן מִיט **יוֹשֶׁר.** מַחְמַת עֶר וֵוייסְט נִיט קֵיין חָכְמוֹת אוּן קֵיין הַמְצָאוֹת.

**אִיז דֶעם מֶלֶךְ** גִיפֶעלִין אַז עֶר זָאל מַאכִין דֶעם **תַּם** (דְהַיינוּ דֶער תַּם וָואס עֶר אִיז דֶער חָבֵר פוּן דֶעם חָכָם וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט נָאךְ אִים גִישִׁיקְט) פַאר אַ גוּבִּירְנִיר. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט אֵיין אוֹקַאז. אַז דֶער **תַּם** וָואס עֶר הָאט נָאךְ אִים גִישִׁיקְט. זָאל עֶר וֶוערִין גוּבִּירְנִיר.

אוּן דֶער **תַּם** מוּז פָארִין דוֹרְךְ דֶער שְׁטָאט פוּן דֶער גוּבִּירְנְיָא. **בְּכֵן** זָאל מֶען זִיךְ שְׁטֶעלִין אוֹיף דִי טוֹיעֶרִין פוּן דֶער שְׁטָאט. אַז תֵּיכֶּף וִוי דֶער **תַּם** וֶועט אָן קוּמֶען. זָאל מֶען אִים פַארְהַאלְטְן. אוּן מֶען זָאל אִים אָפְּגֶעבִּין דִי טְשִׁין אַז עֶר זָאל זַיין גוּבִּירְנִיר.

**הָאט מֶען אַזוֹי גִיטָאן.** אוּן מֶען אִיז גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דִי טוֹיעֶרִין אוּן תֵּיכֶּף וִוי עֶר אִיז דוֹרְךְ גִיפָארִין. **הָאט מֶען אִים פַארְהַאלְטְן.**

**אוּן** מֶען הָאט אִים גִיזָאגְט אַז עֶר אִיז גִיוָוארִין **גוּבִּירְנִיר.** הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט. **נָאר אָן לֵיצָנוּת.** הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶּערְט. אַוַודְאַי אָן שׁוּם לֵיצָנוּת. אִיז דֶער **תַּם גִיוָוארִין תֵּיכֶּף גוּבִּירְנִיר** בְּתוֹקֶף וָעוֹז.

**אוּן** הַיינְט אַז דָאס מַזָל הָאט זִיךְ אִים שׁוֹין אוֹיף גִיהוֹיבְּן. אוּן מַזָל מַחְכִּים (דְהַיינוּ דָאס מַזָל מַאכְט קְלוּג) הָאט עֶר שׁוֹין גִיקְרִיגְן **אַבִּיסְל הַבָנָה** (דְהַיינוּ פַארְשְׁטַאנְד) פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָארְט הָאט עֶר גָאר נִיט גִינוּצְט מִיט זַיין חָכְמָה.

**נָאר** עֶר הָאט זִיךְ גִיפִירְט מִיט זַיין **תְּמִימוּת** אַזוֹי וִוי פְרִיר. אוּן עֶר הָאט גִיפִירְט דִי מְדִינָה **מִיט תְּמִימוּת מִיט אֶמֶת. אוּן מִיט יוֹשֶׁר.** אוּן עֶר הָאט קֵיין שׁוּם פַאלְטְשְׁקֵייט אוּן קֵיין עַוְלָה נִיט גִיטָאן קֵיינֶעם.

**אוּן אוֹיף** פִירִיכְץ פוּן אַ מְדִינָה. בַּאדַארְף מֶען קֵיין גְרוֹיסְן שֵׂכֶל אוּן קֵיין חָכְמוֹת נִיט. **נָאר יוֹשֶׁר אוּן תְּמִימוּת.** אַז סֶע זֶענֶען גִיקוּמֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זִיךְ לָאדִין פַאר אִים. הָאט עֶר גִיזָאגְט דוּ בִּיסְט זַכַּאי אוּן דוּ בִּיסְט חַיָיב.

**אַזוֹי וִוי זַיין תְּמִימוּת אוּן זַיין אֶמֶת** אִיז גִיוֶועןן. אָן אַ שׁוּם רַמָאוּת אוּן אָן פַאלְטְשְׁקֵייט. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר **אַלְץ גִיפִירְט מִיט אֶמֶת. הָאט** אִים דִי מְדִינָה זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט. אוּן עֶר הָאט גִיהַאט גִיטְרַייעֶ יוֹעֲצִים וָואס זֵיי **הָאבְּן אִים לִיבּ גִיהַאט**

**בֶּאֱמֶת.** און מַחְמַת לִיבְּשַׁאפְט. הָאט אִים אֵיינֶער **אֵיין עֵצָה גִיגֶעבְּן.** בַּאֲשֶׁר דוּ וֶועסְט זִיךְ בְּוַודְאַי מוּזְן **קוּמֶען פַּאר דֶער מֶלֶךְ.** וָוארִין עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין נָאךְ דִיר גִישִׁיקְט. און וִוידֶער. דֶער סֵדֶר אִיז. אַז אַ גוּבִּירְנִיר **מוּז קוּמֶען פַּאר דֶעם מֶלֶךְ.**

**בְּכֵן.** כָאטְשֶׁע דוּ **בִּיסְט זֵייעֶר עֶרְלִיךְ.** און דֶער מֶלֶךְ וֶועט אִין דִיר **נִיט גִיפִינֶען קֵיין שׁוּם פַּאלְטְשְׁקֵייט.** אִין דַיין פִּירִיכְץ דִי מְדִינָה. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין פָּארְט סֶע אִיז אָבֶּער **דֶער סֵדֶר פוּן דֶעם מֶלֶךְ.** אַז עֶר שְׁמוּסְט. אַז אִין דִי **רֵייד** גֵייט עֶר אַרַיין אִין דֶער זַייט. און הֵייבְּט אָן שְׁמוּסִין **חָכְמוֹת און לְשׁוֹנוֹת.**

**בְּכֵן. אִיז שֵׁיין.** און סֶע אִיז דֶער **דֶרֶךְ אֶרֶץ** אַז דוּ זָאלְסְט אִים קֶענֶען **עֶנְפֶעִרין.** אִיבֶּער דֶעם אִיז **רֶעכְט** אַז אִיךְ זָאל דִיךְ אוֹיס **לֶערְנֶען חָכְמוֹת און לְשׁוֹנוֹת.** אִיז דָאס **גִיפֶעלִין** דֶעם **תַּם.**

**הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶועזְן.** וָואס אַיירְט עֶס מִיךְ אַז אִיךְ וֶועל מִיךְ לֶערְנֶען חָכְמוֹת און לְשׁוֹנוֹת. הָאט עֶר זִיךְ גִילֶערִינְט און הָאט מְקַבֵּל גִיוֶועזְן חָכְמוֹת און לְשׁוֹנוֹת.

**אִיז אִים** תֵּיכֶף גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם זִין דֶער חָכָם זַיין חָבֵר הָאט אִים גִיזָאגְט. אַז סֶע אִיז נִיט גִימָאלְט בְּשׁוּם אוֹפָן. אַז עֶר זָאל קוּמֶען אוֹיף זַיין חָכְמָה. **הָאט בִּין אִיךְ שׁוֹין גִיקוּמֶען אוֹיף זַיין חָכְמָה.** (און פוּן דֶעסְט וֶועגִין כָאטְשֶׁע עֶר הָאט שׁוֹין גִיוואוּסְט חָכְמוֹת. הָאט עֶר גָאר נִט גִינוּצְט מִיט דִי חָכְמוֹת. נָאר עֶר הָאט זִיךְ גִיפִירְט מִיט זַיין תְּמִימוּת אַזוֹי וִוי פְרִיר).

**דֶער נָאךְ** הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט. אַז דֶער **תַּם** דֶער גוּבִּירְנִיר זָאל צוּ אִים קוּמֶען. אִיז עֶר צוּ אִים גִיפָארִין.

**הָאט דֶער מֶלֶךְ** פְרִיר גִישְׁמוּסְט מִיט דֶעם **תַּם** פוּן דֶעם פִּירִיכְץ פוּן דֶער מְדִינָה. **אִיז עֶר דֶעם מֶלֶךְ זֵייעֶר וואוֹיל גִיפֶעלִין.** וָוארִין דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיזֶעהְן. **אַז עֶר פִּירְט מִיט יוֹשֶׁר און מִיט גְרוֹיס אֱמֶת אָן אַ שׁוּם עַוְלָה און גָאר אָן פַּאלְטְשְׁקֵייט.**

**נָאךְ דֶעם. הָאט דֶער מֶלֶךְ** אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּסְן **חָכְמוֹת און לְשׁוֹנוֹת.** הָאט אִים דֶער **תַּם גִיעֶנְפֶּערְט** אַזוֹי וִוי מֶען בַּאדַארְף. **אִיז דָאס דֶעם מֶלֶךְ נָאךְ בֶּעסֶער גִיפֶעלִין.** דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיזָאגְט. **אִיךְ זֶעה.** אַז עֶר אִיז אַזוֹי **אַ חָכָם** און **פִּירְט זִיךְ פָּארְט** מִיט אַזוֹי **אַ תְּמִימוּת.** אִיז עֶר **דֶעם מֶלֶךְ זֵייעֶר זֵייעֶר וואוֹיל גִיפֶעלִין.**

**הָאט דֶער מֶלֶךְ** אִים גִימַאכְט פַּאר **אַ מִינִיסְטֶער** אִיבֶּער אַלֶע **מִינִיסְטֶארִיס.** און דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהֵייסְן מֶע זָאל אִים אָפְּגֶעבִּין אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁטָאט וָואס דָארְט זָאל עֶר זִיצִין. און הָאט גִיהֵייסִין אַז מֶען זָאל אִים אוֹיסְמוֹיעֶרְן זֵייעֶר שֵׁיינֶע מוֹיעֶרְן אַזוֹי וִוי סֶע קֶער צוּ זַיין. און הָאט אִים גִיגֶעבְּן אַכְּתַב אוֹיף דֶעם אַז עֶר זָאל זַיין **מִינִיסְטֶער.**

**אִיז** אַזוֹי גִיוֶועזְן מֶען הָאט אִים אוֹיס גִימוֹיעֶרְט זֵייעֶר וואוֹילֶע מוֹיעֶרְן שֵׁיינֶע. אִין דֶעם אוֹרְט וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהֵייסְן און עֶר הָאט אָפְּגִינוּמֶען **דִי גְדוּלָה בְּתוֹקֶף.**

## דֶער חָכָם,

### אַז סֶע אִיז אִים אָן גִיקוּמֶען דֶער בְּרִיוו פוּן דֶעם מֶלֶךְ,

**הָאט עֶר** גִיעֶנְפֶּערְט צוּ דֶעם חָכָם וָואס עֶר הָאט גִיבְּרַאכְט דֶעם בְּרִיוו. וַוארְט. און נֶעכְטִיג דָא אִיבֶּער. וֶועלִין מִיר אִיבֶּער שְׁמוּסִין. און מִיר וֶועלִין זִיךְ מְיַישֵׁב זַיין. אוֹיף דֶער נַאכְט הָאט עֶר גִימַאכְט אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה. אִין דֶעם עֶסְן הָאט **דֶער חָכָם** (דֶער חָבֵר פוּן דֶעם תַּם) אָן גִיהוֹיבְּן צוּ קְלוּגְן און צוּ קְלֶערִין מִיט זַיין חָכְמָה און זַיין פִּילוּסָפְיֶא.

**און** הָאט זִיךְ אָן גִירוּפְן און הָאט גִיזָאגְט. וָואס קָאן דָאס בַּאטַייטִין. וָואס אַזוֹי אַ מֶלֶךְ זָאל שִׁיקִין נָאךְ אַזוֹי אַ קְלֵיינֶעם מֶענְשׁ וִוי אִיךְ בִּין. וָואס בִּין אִיךְ עֶס. אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל שִׁיקִין נָאךְ מִיר. וָואס טַייטְשׁ. **אַזוֹי אַ גְרוֹיסֶער מֶלֶךְ** וָואס עֶר הָאט אַזוֹי אַ מֶמְשָׁלָה און אַזוֹי אַ גְדוּלָה. און אִיךְ אַזוֹי קְלֵיין וִוי אִיךְ בִּין אַ קֶעגִין אַזוֹי אַ גְרוֹיסֶען מֶלֶךְ. נָא וִוי גִישִׁיקְט זִיךְ דָאס אִין שֵׂכֶל אַז אַזוֹי **אַ מֶלֶךְ זָאל שִׁיקְן נָאךְ מִיר.**

**אִיךְ** זָאל זָאגְן מַחְמַת מַיין חָכְמָה. **הָאט עֶר נָאךְ מִיר גִישִׁיקְט.** וָואס טְרֶעף אִיךְ אָן אַקֶעגְן דֶעם מֶלֶךְ. **הָאט דֶען דֶער מֶלֶךְ קֵיין חֲכָמִים נִיט.** און דֶער מֶלֶךְ אַלֵיין אִיז זִיךְ אוֹיךְ בְּוַודְאַי אַ גְרוֹיסֶער חָכָם. און וָואס אִיז דָאס. אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל נָאךְ מִיר שִׁיקְן. און עֶר הָאט זִיךְ דְרוֹיף **זֵייעֶר זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְט.**

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: וָואס אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים הָארֶעוֶוען בִּיז הוֹשַׁעְנָא רַבָּא, טוּ אִיךְ אוֹיף שׂוֹין דֶעם עֶרְשְׁטְן אוֹיף דֶער נַאכְט פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

~~~

נָאךְ אַ לָשׁוֹן אִיז דָא: "מַיינֶע לַייט פַּאטֶער אִיךְ שׂוֹין דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט" דָאס מֵיינְט אַז דֶער רֶבִּי עֶנְדִיגְט שׂוֹין דֶעם פְּסַק דִּין פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

~~~

ר' נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם צֶען 'בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים אִיז וֶוערְט צוּ פָארְן פוּן אַלֶע עֶקְן וֶועלְט צוּ אַרַיינְשְׁטוּפְּן דֶעם קָאפּ צְוִוישְׁן זֵיי" אוּן עֶר הָאט דַאן גֶערֶעדְט פוּנֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען עֶס זַאמְלֶען זִיךְ דֶער גַאנְצֶער הֵיילִיגֶער קִבּוּץ וִוי חָשׁוּב אוּן טַייעֶר עֶס אִיז. (שיש"ק)

## די ניינטע מעשה (3) - פונעם חכם מיטן תם

**א. וואס איז געווען א וואונדער ביים מלך?**
- ☐ אז עס איז דא אסאך מענטשן אין זיין מדינה.
- ☐ אז די צוויי מענטשן האבן אזעלכע נעמען "חכם און תם".
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ב. ווען האט דער מלך געשיקט צו רופן דער תם?**
- ☐ א תם.
- ☐ דער ממונה איבער די אוצרות.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ג. דער מלך האט באפוילן אז דער חכם און תם זאלן קומען צו אים אדער נישט?**
- ☐ דער מלך האט שטרענג באפוילן זיי זאלן קומען.
- ☐ דער זאך ווענדעט זיך לויט זייער ווילן.
- ☐ פארן חכם האט ער שטרענג באפוילן צו קומען צו אים, און פארן תם נאר אויב ער וויל.

**ד. וואס האט מען געזאגט פארן גאבירניר אויפן חכם?**
- ☐ אז ער איז א ווילדער חכם און א גרויסער עושר.
- ☐ אז ער איז א ווילדער חכם און א גרויסער דאקטער.
- ☐ אז ער איז א גרויסער תלמיד חכם

**ה. וואס האט דער תם געזאגט ווען דער שליח פון קעניג איז געקומען?**
- ☐ ער האט געזאגט צו זיין ווייב "דער מלך האט נאך מיר געשיקט".
- ☐ געפרעגט נאר אן ליצנות.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ו. וועלכע נאך שליחות האט דער קעניג געשיקט צום תם?**
- ☐ ער האט אים געשיקט א קאנווערט מיט געלט.
- ☐ ער זאל ווערן א גאבירניר.
- ☐ ער זאל שנעל קומען צום קעניג'ס פאלאץ.

**ז. ווי אזוי האט דעם תם באקומען אביסל פארשטאנד?**
- ☐ ווייל ער האט אנגעהויבן צו לערנען חכמות.
- ☐ וויל זיין חבר דער חכם האט עם אויס געלערנט.
- ☐ ווייל זיין מזל האט זיך אים שוין אויף געהויבן, און מזל מאכט קלוג.

**ח. ווי אזוי האט דער תם געפירט די מדינה?**
- ☐ מיט תמימות, מיט אמת און מיט יושר.
- ☐ מיט חכמה און מיט גלוגשאפט.
- ☐ מיט ישוב הדעת.

**ט. האט די מדינה ליב געהאט דער תם?**
- ☐ זיי האבן אים ליב געהאט.
- ☐ זיי האבן אים פיינט געהאט.
- ☐ זיי האבן אים זייער ליב געהאט.

**י. האט דער תם געלערנט צום סוף חכמות?**
- ☐ יא.
- ☐ ניין.
- ☐ ער האט געלערנט נאר לשונות אן חכמות.

**יא. פאר וואס איז זייער געפעלן דער תם פארן מלך?**
- ☐ ווייל ער פירט מיט גרויס אמת אן א קיין שום עוולה
- ☐ ווייל ער איז א חכם, און פירט זיך מיט תמימות.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**יב. וואס האט דער מלך געמאכט פארן תם?**
- ☐ פאר א שר האוצרות.
- ☐ ער האט איבער געגעבן זיין פלאץ.
- ☐ פאר א מיניסטער איבער אלע מיניסטערס.

**יג. וואס האט דער מלך געהייסן מען זאל בויען פארן תם?**
- ☐ מען זאל אים בויען א שיינע פאלאץ.
- ☐ מען זאל אים בויען א פריוואטע שטוב.
- ☐ מען זאל אויסמויערן זייער שיינע מויערן.

**יד. וואס האט דער חכם געזאגט פארן שליח פון מלך ווען ער האט אים געברענגט דאס בריוו?**
- ☐ מיט א שמחה וועל איך שוין ארויס גיין צום מלך.
- ☐ ווייז מיר אויף אז דער מלך האט געבעטן איך זאל קומען.
- ☐ ווארט און נעכטיג דא איבער.

**טו. וואס האט דער חכם געזאגט פארן שליח פון מלך ביי די סעודה פאר נאכט?**
- ☐ וואס אזוי א מלך זאל שיקן נאך אזא קליין מענטש ווי איך.
- ☐ וואס אזוי א מלך זאל שיקן נאך אזא חכם ווי איך.
- ☐ וואס אזוי א מלך זאל שיקן נאך אזא עושר ווי איך.

**טז. וואס לערנסטו זיך דערוויייל פון די מעשה?**
- ☐ אז ווען דער מלך רופט קומט מען גלייך.
- ☐ ווען דער מלך רופט קומט מען נאר מיט ישוב הדעת.
- ☐ ______________________________.

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72

1-518-329-9149 646-518-1095

## ביי מיר האט קיינער נישט דערלייגט!

המשך פון זייט 3

געלט צו באצאלן פאר דיינע געברויכן? דו האסט אסאך וויכטיגערע זאכן צו טון מיט די געלט ווי פארן צו שמחות. די קינדער האבן צעריסענע שיך, מען דארף קויפן נייע קליידער א.א.וו, זיכער זענען די זאכן זייער וויכטיג אבער אז פון הימל שיקט מען געלט מיט א הזמנה צום רבי'ן קען מען דאס ניצן נאר פאר דעם צוועק.

~~~

### א שידוך מן השמים

ס'איז געווען זומער, יאר תשפ"א. פאר אלע ברסלב'ער חסידים איז נאך געלעגן אין די ביינער דעם ערב ראש השנה פון א יאר פריער, ווען מען איז געשטאנען ביים גרעניץ פון אוקריינע און געווארט מיט בענקשאפט צו קענען אנקומען קיין אומאן.

אבער דאס יאר האט קיינער נישט געוואלט פארלירן די געלעגנהייט. קינד און קייט האבן זיך געפאקט פעק און ג-ע-פ-א-ר-ן... וואו אהין? מען ווייסט נישט. קודם פארט מען קיין אומאן און נאכדעם וועט מען שוין זען ווי זיך אן עצה צו געבן. ס'איז געווען א בחינה פון נעשה ונשמע, מען האט געטון און נאכדעם געהערט. קודם איז מען אנגעקומען צום רבי'ן און נאכדעם איז מען געוואר געווארן ווי אזוי מען וועט איבער לעבן די עטליכע וואכן ביז נאך ראש השנה.

ווער עס האט געקענט האט מיטגענומען זיין משפחה כדי נישט צו דארפן זיין אזוי לאנג אליין. אויך איך האב געוואלט נעמען מיין בנ"ב. מיר זענען געווען קוים א יאר פון די חתונה און עס איז געווען נישט מער ווי רעכט צו פארן אינאיינעם. אבער כסף מנלן? ס'איז נישט קיין קליין הוצאה, אפילו נאר פאר די מינימום. נאר קארטעס און א דירה צו דינגען איז אסאך געלט. מיר האבן זיך אבער נישט דערשראקן פון דער מניעה און מתפלל געווען אז דער אויבערשטער זאל אונז העלפן אז מיר זאלן קענען אנקומען קיין אומאן אן קיין חובות.

די טעג רוקן זיך פאראויס. מען דארף שוין פאקן פעק אבער מיר בלייבן ווייטער מיט אונזער אמונה אין באשעפער אז בזכות דער הייליגער רבי וועט דער אויבערשטער העלפן אז מיר וועלן קענען אנקומען צו זיין ציון מיט אלע הוצאות געדעקט.

אינמיטן די הכנות קלינגט מיר א חבר אז ער וויל איך זאל אים העלפן אויספירן א שידוך. ער וויל אנטראגן זיין ברודער פאר איינעם אבער ער קען עס נישט טון ווייל די אנדערע צד וויל נישט הערן פון דעם שידוך. מען דארף א דרויסענדיגער מענטש ווען די משפחה קען גוט, אז זיי זאלן זיין גרייט צו גיין צום טיש. פארשטייט זיך אז איך האב אנגענומען דעם אנבאט. כ'האב אוודאי נישט געטראכט פון די געלט. אז א איד בעט צו העלפן פאר א שידוך וועל איך זיך זיכער אנשטרענגן צו העלפן. בקיצור, נאר צו מאכן א לאנגע מעשה קורץ - מיר האבן נישט געהאט א גרינגע ארבעט. ס'איז אריבער אויף אונז שלאפלאזע נעכט און
~~~

אסאך קאפ ווייטאג אבער אין ענדע האט מען געבראכן טעלער; דער שידוך איז בס"ד אויסגעפירט געווארן. איך קום צום תנאים און דער מחותן קומט מיר אנטקעגן מיט מזומן אין האנט אריין. איך האב זיך בכלל נישט געראכטן אויף דעם און נישט געטראכט אז ער וועט מיר גלייך באצאלן. דער שידוך איז געווען באשערט מן השמים און אויך אז דער חבר זאל מיר משדך זיין מיט יענעם צו זיין דער שדכן...

געלט איז שוין דא, יעצט דארף איך א דירה וואו איינצושטיין. און דער אויבערשטער האט מיר דא אויך געהאלפן און כ'האב געטראפן א פיינע דירה ממש נאנט צום ציון פאר זייער א ביליגער פרייז. אינצווישן האט מיר א שכן געבעטן אויב איך וויל פארדינגען מיין דירה פאר חוץ לארצ'דיגע געסט וואס קומען זיך משתתף זיין ביי זיין שמחה. פארשטייט זיך אז איך האב גלייך מסכים געווען. אז דער אויבערשטער שיקט מיר אריין א מצוה אין טיר און כ'קען נאך האבן ריוח דערביי איז עס ממש א גאלדענע געלעגנהייט.

ב"ה מיר זענען אנגעקומען קיין אומאן בשלום. ס'איז נישט גרינג געווען פאר די משפחות דארט, מען האט זיך געמוטשעט מיט יעדע זאך; עס האט זיך געקענט מאכן צייטן ווען ס'איז בכלל נישט געווען קיין וואסער, און אויב מען האט שוין יא געהאט געהעריג וואסער האט מען נישט געהאט קיין הייס וואסער זיך ארומצוואוואשן, די לעקטער האט געפלאצט יעדע מינוט, אבער ווער ס'איז דארט געווען איז געווען גליקליך און צופרידן צו קענען זיין ביים רבי'ן געגוג פרי. עס האט זיך געשפירט ווי גן עדן אויף דער וועלט. א איד האט זיך אויסגעדריקט: "איך ווייס נישט אויב אין גן עדן איז דא אזא גן עדן!"...

המשך פון זייט 2

# דעם רבי'נס לייט

וֶוען דֶער טַאטֶע הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם וַוייטָאגְלִיכֶע בְּרִיוו, הָאט עֶר צַאמְגֶענוּמֶען אַ מִנְיָן בְּרֶסְלֶבֶ'ער אִידְן, אוּן זִיךְ גֶעאַיילְט צוּם צִיּוּן מִיט צֶעגָאסֶענֶע תְּפִלּוֹת פַארְן וואוילְזַיין פוּנֶעם קִינְד. וִוי נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ, רוּפְט זִיךְ דֶער טַאטֶע אָן: "זָאלְט אִיר וִויסְן, אִין דֶעם מִינוּט גֵייט שׁוֹין מַיין קִינְד!"

וִוי עֶס אִיז שְׁפֶּעטֶער קְלָאר גֶעוָוארְן, אִיז דִי מַאמֶע אַהֵיימְגֶעקוּמֶען אִין דֶער זֶעלְבֶּער צַייט וֶוען דֶער טַאטֶע הָאט פַארְגָאסְן דִי טְרֶערְן בַּיים צִיּוּן. יְחֶזְקֶלֶ'ע, וֶועלְכֶע אִיז בִּיז יֶעצְט גֶעזֶעצְן אוּמְבַּאוֶועגְלִיךְ, הָאט זִיךְ פְּלוּצְלִינְג אָנְגֶערוּפְן: "מַאמֶע, הַאלְט מִיךְ". דִי מַאמֶע הָאט אָן טְרַאכְטְן וָואס זִי זָאגְט, זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "קוּם צוּ מִיר, וֶועל אִיךְ דִיר הַאלְטְן". דָאס אוּמְגְלוֹיבְּלִיכֶע אִיז דַאן גֶעשֶׁען, יְחֶזְקֵאל הָאט זִיךְ אַלֵיין אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער מַאמֶע אִינְגַאנְצְן אַלֵיין. עֶר אִיז גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן אוֹיף אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע אוֹפָן. אִין זַיינֶע שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע יָארְן אִיז עֶר בַּאוואוּסְט גֶעוֶוען אַלְס אַ טַאנְצֶער, וֶועלְכֶער מַאכְט פְרֵיילִיךְ אוֹיף חֲתוּנוֹת אוּן שִׂמְחוֹת. אַ הֵייסֶע תְּפִלָּה בַּיים רֶבִּי'נְס צִיּוּן הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַזַא נֵס!

(דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה הָאט פַארְצֵיילְט דִי רֶעבֶּיצִין פוּן ר' יַענְקֶעלֶע גַאלִינְסְקִי, טָאכְטֶער פוּן ר' חַיִּים בִּנְיָמִין.)

**המשך אי"ה קומענדיגע וואך**

גענומען פון ספר 'שלהבת בכפור' מיט רשות

המשך פון זייט 1

# דער ריינער קוואל

ווֶעט אֵיינֶער זָאגְן: "אִיךְ בִּין לַיידֶער גָאר שְׁוַואךְ סַיי אִין רוּחְנִיּוּת אוּן אוֹיךְ אִין גַּשְׁמִיּוּת, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ פַארְמָאג נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת צוּ מַעֲבִיר זַיין אוֹיבְן דִי דְרַייצְן מִדּוֹת שֶׁל רַחֲמִים?" דֶערְפַאר גְלַייךְ נָאךְ סְלִיחוֹת זָאגְן מִיר "מַהֵר יְקַדְּמוּנוּ רַחֲמֶיךָ כִּי דַלּוֹנוּ מְאֹד", מִיר זֶענֶען זֵייעֶר אָרֶעם, מִיר בֶּעטְן זִיךְ בַּיי דִיר גֶעטְרֵייעֶר פָאטֶער, מִיט דַיין רַחֲמָנוּת דֶערְבַּארְים זִיךְ אוֹיף אוּנְז, אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ חָנֵּנוּ וַעֲנֵנוּ כִּי אֵין בָּנוּ מַעֲשִׂים, עֲשֵׂה עִמָּנוּ צְדָקָה וָחֶסֶד וְהוֹשִׁיעֵנוּ.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז בִּזְכוּת שַׁבָּת קוֹדֶשׁ – אַזוֹי וִוי מֶען הֵייבְּט אָן דֶעם פִּזְמוֹן בְּמוֹצָאֵי מְנוּחָה קִדַּמְנוּךָ תְּחִלָּה – אוּן בִּזְכוּת דִי צַדִּיקִים וֶועלְכֶע זֶענֶען אַ בְּחִינָה פוּן שַׁבָּת, זָאל אוּנְז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיסְמֶעקְן אַלֶע אוּנְזֶערֶע זִינְד אוּן מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער צוּ בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען פַארְבֶּעסֶערְן מִיט וָואס מֶען קֶען. עֶס זָאל שׁוֹין מְקֻיָּם וֶוערְן דִי גֶעבֶּעט "הֲשִׁיבֵנוּ ה' אֵלֶיךָ וְנָשׁוּבָה, חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם, אָמֵן".

[דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי דְרַייצְן מִדּוֹת שֶׁל רַחֲמִים. אִין סֵפֶר 'תֹּמֶר דְּבוֹרָה' פוּן הֵיילִיגְן רמ"ק - רַבִּי מֹשֶׁה קוֹרדוֹוִירִי זַצַ"ל לֶערְנְט עֶר אוֹיס וָואס עֶס מֵיינְט דִי אַלֶע מִדּוֹת דֶערְנָאךְ לֶערְנְט עֶר אוֹיס וִויאַזוֹי צוּ טוּן אוּן זִיךְ פִירְן אוּן גֵיין אִין דִי וֶועגְן כִּבְיָכוֹל פוּן בַּאשֶׁעפֶער - וּלְדָבְקָה בּוֹ, גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַזוֹי וִוי דֶער בַּאשֶׁעפֶער בַּאזוּכְט קְרַאנְקֶע אוּן אִיז גּוֹמֵל חֶסֶד, א.א.וו.]

**אַ לִיכְטִיגְן פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

שמואלי איז אויפן וועג קיין אומאן, ער האט פארלוירן זיין ספר המדות וואס ער וויל ענדיגן בעז"ה ביז יום כיפור, קענסטו אים העלפן טרעפן דאס ספר?...







# אַרױפְגֶעכַאפְּט אױפְן כַּאן

*ר׳ לֵוִי יִצְחָק דֶערְצֵיילְט פוּן זַיין עֶרְשְׁטֶע נְסִיעָה קַיין אוּמַאן אױף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַלְס בָּחוּר, בַּיים עֶרְשְׁטְן וֶועלְטְ קְרִיג.*

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן יָאר תְּרְעָ״ה, עֶרֶב רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֱלוּל, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט יוֹם כִּפּוּר קָטָן אִין פּוֹלְנָאָה, אוּן שַׁבָּת דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאלְטְן אִין בַּארְדִיטְשׁוֹב, סְ׳אִיז גֶעוֶוען אָנְהֵייבּ אֱלוּל.

אִיךְ בִּין אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא גְרוֹיסֶע חָסִיד פְּרִיעֶר, עֶס מַאכְט זִיךְ אֵיינֶער אַז עֶר וֶוערְט מְקוֹרָב מִיט אַ גְרוֹיסְן בְּרֶען, אָבֶּער אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין גְרוֹיסֶער חָסִיד.

״אִיצִיקְ׳ל אָטְוָואצְקֶ׳ער״ - עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אַלְס תַּלְמִיד לֶערְנֶען, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן פּוּרִים. אוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה יָאר תרע״ד, אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען.

דֶעם זוּמֶער אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אַרַיין, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען - אַ קְלֵיין אִינְגֶעלֶע, אַלְט גֶעוֶוען זֶעכְצְן יָאר אַ יְפֵה תוֹאַר, אַ יְפֵה מַרְאֶה אִיז גֶעוֶוען דָאס פָּנִים זַיינְס, אוּן אַז עֶר הָאט גֶעדַאוְונְט הָאט מֶען גֶעזֶעהְן דָאס אִינְגְל שַׁיינְט בַּיים דַאוֶונֶען!

דֶער מַשְׁגִּיחַ אִיז גֶעוֶוען אַ גָּדוֹל - דֶער מַשְׁגִּיחַ - אַלֶע הָאבְּן גֶעהַאט הִתְפַּעֲלוּת פוּן אִיצִיקְל, אַ אִינְגֶעלֶע, אַ קָאפּ, אַ בַּעַל מֹחַ, אוּן דֶערְצוּ אַ לַמְדָן, אַ קִינְד פוּן זֶעכְצְן יָאר, עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְגֶער פוּן מִיר, אוּן אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד!

אוּן עֶר הָאט דֶער גַאנְצֶער יְשִׁיבָה מְקָרֵב גֶעוֶוען! דֶער גַאנְצֶער יְשִׁיבָה הָאט עֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען! יִשְׂרָאֵל כֹּהֵן עָלָיו הַשָּׁלוֹם - אַלֶעמֶען הָאט עֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען!

דֶעם זוּמֶער תרע״ד, הָאט אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט דִי עֶרְשְׁטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה - דִי גְרוֹיסֶע וֶועלְטְ קְרִיג, מִמֵילָא זֶענֶען זִיךְ אַלֶע צֶעלָאפְן - סְ׳אִיז גֶעוָוארְן אוֹיס יְשִׁיבָה, ווייטֶער הָאט דֶער אִיצִיקְל דִי גַאנְצֶע יְשִׁיבָה מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּ אוּנְז [בְּרֶסְלֶב].

בִּין אִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא מְקוֹרָב, בַּיי מִיר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען דָאס הִתְקַרְבוּת אַזוֹי גְרוֹיס, אַ ׳אִינְגֶעלֶע׳ הָאט מִיר מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן שׁוֹין.

אַז סְ׳אִיז גֶעוָוארְן דִי מִלְחָמָה, הָאבְּן מִיר בֵּיידֶע גֶעוָואלְט פָאֹרְן קַיין אוּמַאן - אִיךְ מִיט אִיצִיקְל, דִי מִלְחָמָה אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען, וֶוער הָאט גֶעקֶענְט פָאֹרְן?!

לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ אַלֵיין גֶעפָאֹרְן קַיין אוּמַאן! וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִין וַוארְשֶׁע אוֹיפְן וֶועג צוּ אוּמַאן בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן נִישְׁט גֶעזוּנְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין, הָאבּ אִיךְ מִיךְ אֲוֶועקְגֶעלֵייגְט אוֹיף דֶער עֶרְד, אַלֶעס הָאט אִין מִיר אִינֶעווֵייבִּיג גֶעבְּרֶענְט, אוּן דָא וואוֹינְט מֵיינֶער אַ בְּרוּדֶער - אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן אִיךְ בִּין אַזוֹי נִישְׁט גֶעזוּנְט, אוֹיבּ וֶועל אִיךְ אַרַיינְגֵיין צוּם בְּרוּדֶער וֶועל אִיךְ נִישְׁט קֶענֶען פָאֹרְן קַיין אוּמַאן, עֶר וֶועט מִיךְ שׁוֹין נִישְׁט לָאזְן פָאֹרְן!

בִּין אִיךְ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ יֶענְקְ׳ל כֹּהֶן׳ס טַאטֶע [ר׳ יַעֲקֹב זְאֵב בַּארְזֶעסְקִי], אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ אַרַיין. עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין וַוארְשֶׁע - יָא, יִצְחָק גֵּרְשׁוֹן בַּארְזֶעסְקִי.

המשך קומענדיגע וואך בעז״ה




**תלמיד:** וואס קאכט זיך דארט?

**מנהל:** א געשמאקע מתמידים פאר די טייערע קינדער

**תלמיד:** איך בין שוין זייער נייגעריג

**מנהל:** יא יא, ווארט נאך אביסל, עס האלט שוין בעז"ה ביי די לעצטע פאזע

**תלמיד:** אה, ווען וועט עס זיין גרייט?

**מנהל:** מיר פארן דאך בעז"ה קיין אומאן צום הייליגן רבי'ן, דער רבי האט געזאגט "איך וועל אויספירן און ענדיגן", ביים רבי'ן וועט זיך אויסקלארן די לעצטע פרטים.

בעז"ה נאך ראש השנה וועלן מיר ארויסגעבן די פונקטליכע אנווייזונגען ווי אזוי זיך איינצושרייבן, א.א.וו.

**תלמיד:** איך קען שוין קוים ווארטן

**מנהל:** דער רבי האט אונז געלערנט די הויפט עצה פון תפלה. לאמיר בעטן פאר א נייע אויסגעלייזטע יאר, א יאר פון התקרבות להשם, התקרבות לצדיק, לערנען צוזאמען די עצות פון רבי'ן מיט אהבת חברים, ביז מען וועט זוכה זיין צום מלוך על כל העולם כולו בכבודך, בב"א.

**תלמיד:** יא, איך גיי טאקע מתפלל זיין, א גוט געבענטש יאר פאר אלע חברים